

די שווארצע בענדער

# תורת יואל

גליון מס' 45

אידיש

## מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן דבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

## פרשת דברים תשפ"ה

## ד' אלוקי אבותיכם יוסף עליכם ככם אלף פעמים (א' י"א) רש"י: אמרו לו משה, אתה נותן קצבה לברכותינו

רש"י זאגט: אז די אידן האבן געזאגט צו משה, פארוואס גיבסטו א באגרעניצונג צו דיין ברכה? טויזענט מאל און מער נישט? השי"ת האט שוין לאנג צוגעזאגט פאר אברהם אבינו, (בראשית י"ג) **אשר אם יוכל להימנות**, אז די אידן וועלן זיין אזויפיל אז מען וועט נישט קענען ציילן, האט משה געענטפערט **זו משלי הוא**: דאס איז מיין ברכה, אבער השי"ת וועט ענק בענטשן אזוי ווי ער האט צוגעזאגט.

פרעגן די מפרשים, לכאורה **בכלל מאתים מנה**, טייטש: אין א גרויסע סכום איז שוין אריינגערעכט דעם קליינע סכום, אויב אזוי וואס האט פשט די ברכה פון משה אז די אידן זאלן זיך פארמערן טויזענט מאל אזויפיל, ווען די ברכה פון השי"ת איז פיהל מער און איז אויך כולל זיין ברכה? אויך דארף מען פארשטיין פארוואס האט משה רבינו געזאגט דוקא **טויזענט**, נאכמער פרעגט דער רבי אויף דעם לשון זו משלי - דאס איז מיין ברכה, לכאורה משה רבינו'ס גאנצע כח צו בענטשן קומט דאך פונעם הייליגן באשעפער, וואס איז פשט זו משלי?

צו פארענטפערן די קשיות, ברענגט די רבי צוויי מדרשים, די ערשטע איז די וואך אויפן פסוק: **יוסף עליכם ככם אלף פעמים** זאגט די מדרש "ככם צדיקים" אז אלע וועט איר זיין צדיקים, די צווייטע מדרש איז אין קהלת, אויפן פסוק: **אדם אחד מאלף מצאתי**, זאגט דער מדרש אז דער סדר איז אז פון טויזענט מענטשן וואס גייען אריין לערנען אין ביהמ"ד, וועלן הונדערט ארויס גייען **למקרא** - צען **למשנה** - און נאר איינער גייט ארויס להוראה, און דאס איז דער פשט אין פסוק **אדם אחד מאלף מצאתי**, טייטש: נאר איינעם האב איך געטראפן, און דער רבי איז מדייק, אז מ'רעכנט נאר פון די וואס זענען זיך קובע צו לערנען, נישט פון גאנץ כלל ישראל.

פיהרט אויס דער רבי, משה רבינו האט משתוקק געווען אז אלע וואס גייען אריין לערנען זאלן אויסוואקסן מורי הוראות און צדיקים, נישט נאר איינס פון טויזענט, און דאס איז געווען זיין ברכה צו כלל ישראל, משה רבינו זאגט: **ככם אלף** ווי דער מדרש זאגט ככם צדיקים אלע טויזענט וואס גייען אריין לערנען זאלן ארויסגיין צדיקים, אבער דאס איז פארשטייט זיך נאר איצט, אבער ווען משיח וועט קומען, און ס'וועט זיין דער עולם התיקון, וועט גאנץ כלל ישראל דערהויבן ווערן צו א בחינה פון צדיקים.

דאס איז פשט אין רש"י, די אידן האבן געהאט טענות, פארוואס גיסטו א ברכה נאר אויף טויזענט, השי"ת האט דאך געזאגט **אם יוכל להימנות** אז גאנץ כלל ישראל וועלן זיין צדיקים, האט משה געענטפערט, זו משלי, מיין ברכה איז נאר אויף איצט, ווען מ'איז נאכנישט צוגעקומען צום עולם התיקון, קאן נאך נישט זיין **ועמך כולם צדיקים**, מיין ברכה איז אז אלע וואס גייען אריין אין ביהמ"ד לערנען. **ככם צדיקים** זאלן אלע ארויסגיין צדיקים, אבער לעתיד לבוא, **יברך כאשר דיבר לכם**, דעמאלס וועט מקיום ווערן די ברכה וואס אברהם אבינו האט באקומען פון השי"ת, אז גאנץ כלל ישראל וועלן זיין צדיקים.

### ידיעות קאלום מנהג: שבת'דיגע בגדים (ד) - שבת חזון

ביי אונז חסידים האט מען זיך געפיהרט אנצוטוהן די געווענליכע שבת'דיגע בגדים אום שבת חזון, ווייל מיר פיהרן זיך ע"פ האר"י הקדוש, אין די אויבערלענדישע אשכנזישע מקומות האט מען נישט געטוישט לכבוד שבת, און מען איז געגאנגען מיט די וואכען'דיגע בגדים, ווי ס'ווערט גע'פסק'נט אין שו"ע בשבת שחל ט"ב אין משנין ללבוש בגדי שבת. דער הייליגער חת"ם סופר האט אויך אנגעהאלטן דעם מנהג נישט צו גיין שבת חזון בבגדי שבת, ווי ער זאגט די וואך אין תורת משה (דברים דף י"א - ד"ה "רבי בקש") אז מיר קענען זיך נישט פארגלייכן צום אר"י הק', וואס האט נישט ארויסגעוויזן קיין אבילות בשבת.

הגאון רבי משה שטערנבוך שליט"א, ירושלימ'ער רב, אין **מועדים וזמנים** (ח"ה סי' שמ"ג) איז מאריך מבאר צו זיין אז היינט צו טאג, דארפן אפילו די אשכנזישע קהילות וואס זייערע זיידעס אינדערהיים זענען געגאנגען שבת חזון אין בגדי חול, איז דאס נאר געווען ווייל די גאנצע שטאט איז אזוי געגאנגען, האט דאס נישט געהייסן קיין אבילות בפרהסיא. היינט אבער ווען ס'איז דא אזא גרויסער קיבוץ אידן, און יעדע שטאט באשטייט פון אזויפיל קהילות אפשטאמיגע פון פארשידענע געגנטן, איז דאס נישט גיין שבת חזון בבגדי שבת יא אבילות בפרהסיא, מוזן די אשכנזישע קהילות אויך גיין שבת חזון אין בגדי שבת.

# א בינטעל זכרונות (המשך)

## הרה"ח ר' דוד גדלי' פאגעל שליט"א (ה)

*און לויט פון די לעצטערע וואכן, האבן די ליינער'ס געוואלדיג הנאה געהאט פון די זכרונות פון הרה"ח ר' גדלי' פויגעל שליט"א, די מערכת האט ב"ה באקומען א געוואלד הערות, תשו"ח לר' גדלי' פאר אויפגעבן זייט לזכות הציבור, אונטער בעל מספר האט געבעטן פארצייכענען עטליכע נקודות און הערות ווי פאלגענד:*

שב"ק פרשת חקת אין ירושלים, האט דער רבי מכבד געווען ריסקעווער רב זצ"ל מיט קבלת שבת.

בשעת דעם טיש פרייטיג צונאכטס, איז געווען מסוכנ'דיג הייס, ס'איז געווען צוגעגרייט אסאך צו טרינקען, אבער דער רבי האט נישט געטרינקן מער ווי געווענליך, די גבאים האבן מורא געהאט פארן רבינ'ס געזונד און געבעטן דער רבי זאל עפעס טרינקען, דער רבי האט אפגעווארפן, שפעטער אין שטוב האבן די גבאים נאכאמאל געבעטן דעם רבי'ן ער זאל עפעס טרינקען, דער רבי האט נישט געוואלט, צוליב זיינע געהויבענע הנהגות, ביז ר' ליפא שווארטץ האט געבעטן דעם רבי'ן, האט דער רבי געזאגט אה!! דער בעל אכסניא הייסט מוז איך פאלגען, אין דער רבי האט עפעס טועם געווען.

שבת פרי פארן דאווענען, האט מען געברענגט א ס"ת צו ר' ליפא אין שטוב, אין מ'האט געלייענט פרשת קרח, און ביהמ"ד נאך שחרית האט מען געלייענט פרשת חקת כסדרן.

מיר בחורים האבן געכאפט פלעצער אויפן ארון קודש, צו קענען זעהן דעם רבי'ן בשעת'ן דאווענען, אונז האב מיר אזוי אריינגעקוקט אין רבינ'ס פנים, אינטערסאנט אז דער רבי האט אונז נישט אוועקגעשיקט, אין ביי **אהבה רבה** האט דער רבי פארגאסן טייכן טרערן, בכיות נוראות וואס ליגט מיר נאך אין די ביינער זינט דאן.

פאר די דרשה, וואס דער רבי האט געהאלטן פארן לייענען, האט הרה"צ רבי משה ארי' געבעטן דעם רבי'ן ער זאל מעורר זיין קעגן די פירצה פון שייטלעך, דער רבי האט געזאגט אז ער גייט רעדן דערפון, למעשה האט דער רבי גארנישט דערמאנט פון דעם ענין, און שפעטער געזאגט פאר רבי משה ארי', איך האב מיך מיישב געווען, בעסער נישט צו רעדן דערפון, איך וויל נישט מען זאל מיינען אז צו גיין מיט א טיכל נישט גענצליך אפגעשוירען איז בעסער ווי א שייטעל.

אין צפת האט דער רבי געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הארי"ז, נאכן דאווענען איז געווען א לחיים, און דער רבי האט אויסגעשמועסט דאס ענין פון פוקד זיין אויף א צדיק'ס ציון, און געזאגט: אז מען גייט פוקד זיין אויף די ציונים פון די הייליגע צדיקים, דארף מען זיך מקשר זיין צום צדיק, מיט זיינע דיבורים און דברי תורה, **אז נישט איז ווי מ'גייט צו א שטיין**.

דאנערשטיג פרשת בלק, איז דער רבי צוריקגעקומען פון די מקומות הקדושים, און געפארן גלייך קיין בני ברק אויף שבת, און איינגעשטאנען ביי הר"ר חיים הערש שווארטץ ז"ל, ערגעץ אינמיטן די נאכט האט דער רבי דערשנאפט א **לערן-בוך - ילדותינו**, וואס ווערט ארויסגעגעבן דורך די **מזרחי**, דער רבי איז געווארן אויפגעקאכט, היתכן אין א היימישע שטוב זאל זיך אזוינס געפינען, דער רבי איז תיכף ארויסגעלאפן פון די דירה, און אריבער צו די אנדערע דירה ווי די משבקי"ם האבן זיך אויפגעהאלטן, נאכדעם איז דער רבי צוריקגעקומען און ארויסגעווארפן דער בוך פון די פענסטער, ס'איז געליגען אזוי אינדרויסן א שטיק צייט פארשעמט, יעדער האט געוואוסט אז דער רבי האט דאס ארויס גע'זרק'עט.

ביי שחרית איז נאך דער רבי געווען צוקאכט, און ארויסגעשיקט אלע צוקוקערס און געלאזט נאר די וואס האבן מיט געדאווענט מיט זיין מנין, שבת ביי די דרשה, האט דער רבי געזאגט מיט ווייטאג, אז די משנה זאגט ביי **שמחת בית השואבה**, האט מען געזאגט אשרי ילדותינו שלא ביישה זקנותינו, אבער היינט איז ליידער: אוי לנו ילדותינו.

אין די וואכען-טעג האט דער רבי געדאווענט שחרית אין די ביהמ"ד פון דעם ריסקעווער רב זצ"ל, דער רבי האט זיך נוהג געווען צו דאווענען די שטילע שמו"ע אינאיינעם מיט די הויכע שמו"ע פון דעם בעל תפילה, דעם ערשטן טאג האט דער רבי געהערט ווי דער בעל תפילה שרייט: **כהנים**, ריסקעווער רב'ס אייניקל (הרה"ג ר' ישכר דוב כ"ץ ז"ל אב"ד דושינסקי - וויליאמסבורג) האט געדוכענט, און דער רבי איז געווארן אביסל צורודערט דערפון, ווייל ער האט געוואוסט אז נאר אין ירושלים דוכענט מען יעדן טאג.

נאכן אויסטרעטן, דער רבי פרעגט זייט ווען דוכענט מען דא? ר' עזריאל רופט זיך אן **כך נהגו בבני ברק**, דער רבי האט עס אוועקגעמאכט, מיין זיידע הרה"ח ר' שלמה זלמן ווירצבערגער ז"ל האט געוואלט בארואיגען דעם רבי'ן, און געזאגט אז רבנים האב דאס איינגעפיהרט, דער רבי האט עס אויך נישט געוואלט אננעמען, און געזאגט: **זיי האבן דאס איינגעפיהרט**.

**דעם לעצטן טאג בארץ הקודש**, איז נפטר געווארן הגאון ר' אליעזר יודא פינקל ז"ל ראש ישיבת מיר, דער רבי האט געזאגט אז ער וויל גיין צי די לווי', די גבאים זאגן ס'איז נישט מעגליך, דער רבי האלט נאך פארן דאווענען, און מ'וועט פארשפעטיגן די שיף, דער רבי זאגט ער מוז גיי צו די לווי', ווייל ער איז געווען מיין שכן יארן צוריק, ווען איך האב געוואוינט אין ירושלים, און און כ'האב געזעהן דעם איד לערנען א גאנצע נאכט.

איז דער רבי מיט די פמליא צוגעפארן קיין חברון, ווי ס'איז פארגעקומען די לווי', דער רבי איז געשטאנען ביים ווינקל פון רחוב הישיבה און רח' חגי אונטער א בוים, און צוליב די היצן האט מען געברענגט א שירעם, און דארט האט דער רבי אויסגעהערט די הספדים, נאכדעם צוריקגעפארן דאווענען שחרית, און שנעל געפארן צום פארט.